— איר זײַט ייִדן?

— מיר זײַנען ייִדן, אײַער װיסאָקאָ פּרעװאָסכאָדיטעלסטװאָ [4] — האָבן זײ געענטפֿערט אין איין קול.

— און איר װילט זיך בשום אופֿן נישט שמדן? —

— בשום אופֿן נישט, אײַער װיסאָקאָ פּרעװאָסכאָדיטעלסטװאָ.

— איך לויב אײַך! — האָט זײ געזאָגט דער גענעראַל — בלײַבט אויף װײַטער טרײַ אײַער גאָט. װער עס איז טרײַ זײַן גאָט, איז טרײַ זײַן קייסער.

די װערטער האָבן געמאַכט אַן אומגעהייערן אײַנדרוק אויף די קינדער. צװישן זײ האָט זיך געשאַפֿן אַ לעגענדע, אַז דער גענעראַל איז געװען אַ פֿאַרשטעלטער אליהו הנביא.

פֿון דעמאָלט אָן האָט זיך זײער לאַגע פֿאַרבעסערט. צום פֿינפֿטן יאָר האָט מען זײ באַפֿרײַט אויף יום־כּיפּור און דערלויבט צו דאַװנען מיט אַ מנין. קיין ייִדן זײַנען אין שטאָט נישט געװען, האָבן זײ אַליין אײַנגעאָרדנט אַ מנין. פֿון די זעלטענע גראָשנס, װאָס זײ פֿלעגן באַקומען, האָבן זײ געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַכט און דרײַסיק קאָפּיקעס. פֿאַר דאָס געלט האָבן זײ געקויפֿט בײַ אַ דורכגײענדיקן פֿאַרשיקטן ייִדן פֿאַר פֿופֿצן קאָפּיקעס אַ סידור, פֿאַר דרײַ קאָפּיקעס געדונגען אַ באַזונדער חדר אויף דאַװנען און פֿאַר צען קאָפּיקעס געקויפֿט ליכט. גרשון האָט געדאַװנט פֿאַרן עמוד. בשעת ער האָט אָנגעהויבן זינגען אויפֿן קול „כּל נדרי“ האָט זיך פֿון דרויסן דערהערט אַ געװיין, װעלכער איז געװאָרן אַלץ העכער, שטאַרקער און ביטערער. אַז מען איז אַרויסגעגאַנגען, האָט מען דערזען, אַז אַרום הויז שטײען בײַ פֿופֿציק קינדער, פֿון די געשמדטע, װעלכע װאַגן נישט אַרײַנצוגיין אין הויז, אָבער זאָגן־נאָך מיט אַ גרויס געװיין „כּל נדרי“.

אַז די קאַנטאָניסטן זײַנען אַלט געװאָרן אַכצן יאָר, האָט מען זײ פֿאַררעכנט פֿאַר סאָלדאַטן און דערלויבט חתונה צו האָבן. װוּ קריגט מען אָבער ייִדישע טעכטער? האָט מען זיך אַן עצה געגעבן. מען

[4] אײַער עקסעלענץ.



פֿלעגט אָפּװאַרטן די עטאַפּן װאָס גײען קיין סיביר. אין יעדן עטאַפּ פֿלעגן זיך געפֿינען עטלעכע פֿאַרשיקטע ייִדן, װאָס זײַנען געגאַנגען מיט די פֿאַמיליעס. אָט בײַ זײ פֿלעגן די קאַנטאָניסטן קויפֿן מײדלעך פֿאַר װײַבער. גרשון האָט געקויפֿט אַ װײַב פֿאַר צװעלף רובל. ער האָט אָפּגעלעבט מיט איר זעכציק יאָר און זי האָט אים געבוירן דרײַ און צװאַנציק קינדער.

די גאַנצע פֿינף און צװאַנציק יעריקע דינסט איז גרשון אָפּגעקומען אין װיאַטקע, איז געבליבן דאָ אַ תּושבֿ, גענומען האַנדלען און ביסלעכװײַז געװאָרן אַ גבֿיר.

דער אַלטער פֿאַלק האָט מיר דערציילט זײַן לעבנס־געשיכטע מיט אַ פֿרײלעכן טאָן פֿון אַ זיגער. און ער איז דאָך באמת געװען אַ זיגער: מנצח געװען ניקאָלײַען און זײַן אײַזערנעם רעזשים! די שרעקלעכסטע ענויים װאָס אים איז אויסגעקומען אַריבערצוטראָגן, האָבן נישט אונטערגעריסן זײַן לעבנסקראַפֿט. פֿאַרקערט, דאָס זײַן אויף דער פֿרײַער לופֿט, די רעגלמעסיקייט פֿון לעבן און אַרבעט און די גראָבע אָבער זעטיקע שפּײַז האָבן פֿאַרשטאַרקט זײַן גוף אַזױ װי די יסורים האָבן פֿאַרשטאַרקט זײַן נשמה.

ער האָט זיך פֿאַר מיר באַרימט מיט זײַנע אייניקלעך: פֿאַראַן צװישן זײ דאָקטוירים, אַדװאָקאַטן, אינזשעניערן. ער האָט מיר באַװיזן אַ פֿאָטאָגראַפֿיש בילד פֿונעם עלטסטן אוראייניקל, װאָס ער האָט באַקומען.

— זײַן פֿאַמיליע איז מעלניקאָװ, מײַן טאָכטערס אַן אייניקל. ער איז אַ סטודענט אין פּעטערבורג. אפֿשר װעט איר זיך מיט אים טרעפֿן אין פּעטערבורג, גיט אים אָפּ אַ גרוס פֿון עלטערזיידן. זאָגט אים, אַז איך בין אויך דורכגעגאַנגען אַן אוניװערסיטעט, ניקאָלײַ פּאַװלאָװיטשעס אוניװערסיטעט. און כאָטש איך בין נישט קיין דאָקטער, דאַרף ער זיך מיט מיר ניט שעמען.

איך האָב אָנגעקוקט דאָס בילד. דאָס אוראייניקל האָט קיין שום ענלעכקייט נישט געהאַט מיטן עלטערזיידן. אַן אויסגעװייקט אינטעליגענט פּנים אין ברילן.

•

עס איז פֿאַרבײַ אַ יאָר.

אײן מאָל, קומענדיק צו מײַנעם אַ גוטן באַקאַנטן רוסישן אַדוואָקאַט און פּאָליטישן כּלל־טוער, האָב איך בײַ אים געטראָפֿן בײַם טיטיש, צוזאַמען מיט די הײמלײַט, אַ יונגן מאַן, אַ סטודענט מיט אַ טיפּיש ייִדישן אויסזען, אין ברילן. מ׳האָט מיר אים פֿאָרגעשטעלט:

— מעלניקאָוו.

מיר האָט זיך אַ דוכט געטאָן, אַז איך האָב אים שוין ערגעץ געזען און געהערט די פֿאַמיליע. נאָר איך האָב זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף דעם: ווייניק מענטשן באַגעגנט מען אין לעבן.

מײַן באַקאַנטער אַדוואָקאַט איז געווען אַ באַוווּסטער ייִדנפֿרײַנד און איז עטלעכע מאָל אַרויסגעטראָטן אין גאָסודאַרסטווענע דומע [5], אין וועלכער ער איז געווען אַ מיטגליד, מיט שאַרפֿע רעדעס קעגן דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג. איצט האָבן מיר אויך געשמועסט אויף דער טעמע. פֿאַקטן וועגן ייִדישער רעכטלאָזיקייט זײַנען געווען גענוג.

— אָט איך וועל אײַך דערציילן אַ פֿאַקט, וועלכער שטײַגט־איבער אַנדערע נבלות פֿון דער רעגירונג בנוגע צו ייִדן — האָט זיך אָפּגערופֿן דער באַלעבאָס — אָט דער יונגער מאַן — האָט ער אָנגעוויזן אויף מעלניקאָוון — מײַן זונס אַ חבֿר, האָט געהאַט דאָס אומגליק געבוירן צו ווערן אַ ייִד. פֿריִער איז ער אויסגעשטאַנען פֿיל צרות ביז ער איז אָנגעקומען אין גימנאַזיע, ביז ער האָט זי געענדיקט. געקומען צום אוניווערסיטעט — די פּראָצענט־נאָרמע, און די זשערעביאָווקע [6]. בקיצור, נישטאָ קײן מעגלעכקייט אַנצוקומען. פֿאַרלוירן אַ גאַנץ יאָר און עס איז פֿאַרגעשטאַנען צו פֿאַרלירן אַ צווייט און אַ דריט יאָר. מיט אַ מאָל האָט זיך געפֿונען אַן אויסגאַנג. אין

[5] פּאַרלאַמענט (אונטערן צאַריזם). — [6] ציִען גורל (שפּעט־לשון, חוזקנדיק פֿון די גנבֿישע געשעפֿטן, וואָס מ׳האָט בײַ דעם געמאַכט).



פֿינלאַנד, אין וויבאָרג, איז דאָ אַ פּריסטער מיטן נאָמען פּיר, וועלכער פֿאַר אַ געוויסער סומע — פֿאַרשרײַבט ייִדן ווי געטויפֿטע, נישט מאָנענדיק פֿון זיי קײן שום צערעמאָניע, קײן שום רעליגיעזן אַקט. זיי זעען אים אַפֿילו נישט אָן אין די אויגן. אַ פּראָסטע פֿאָרמאַליטעט. האָבן זיך פֿיל ייִדישע יונגע לײַט, און צווישן זיי אויך ה׳ מעלניקאָוו, באַנוצט מיט דעם. און באַקומענדיק אַ פּאַפּיר, אַז זיי זײַנען געטויפֿטע, זײַנען זיי גלײַך אָנגעקומען אין אוניווערסיטעט. שטעלט זשע אײַך פֿאָר! איצט האָט דער הייליקסטער סינאָד אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז די אַלע, וואָס האָבן זיך געטויפֿט בײַם פּריסטער פּיר, רעכענען זיך פֿאַר נישט געטויפֿטע און בלײַבן בײַ זייערע באַגרענעצטע ייִדישע רעכט. נאָך דער דערקלערונג האָט מען מעלניקאָוון און זײַנע חבֿרים אויסגעשלאָסן פֿון אוניווערסיטעט און איצט שיקט מען אים אַרויס ווי אַ רעכטלאָזיקן פֿון פּעטערבורג. וואָס זאָגט איר אויף דער נבֿלה?

איך האָב אַ בליק געטאָן אויף מעלניקאָוון און דאָס מאָל האָב איך זיך דערמאָנט, אַז דאָס האָב איך זײַן בילד געזען בײַם אַלטן פֿאַלקן. יענער האָט, דוכט זיך, אָנגערופֿן די פֿאַמיליע מעלניקאָוו.

— זאָגט מיר — האָב איך זיך געווענדט צום סטודענט — איר האָט אַן עלטערזיידן אין וויאַטקע? גרשון פֿאַלק...

מעלניקאָוו האָט זיך דערפֿרייט.

— יאָ, יאָ! פֿון וואַנען ווייסט איר? איר קענט אים?

— איך האָב זיך מיט אים דאָס פֿאָריקע יאָר באַקענט. ער האָט מיר אײַער פֿאָטאָגראַפֿיש בילד באַוויזן.

— אַזוי? באַקענט זיך? נו, וואָס פֿאַר אַן אײַנדרוק האָט ער אויף אײַך געמאַכט? נישט אמת, אַן אָריגינעלער זקן?

— יאָ, זייער אַן אָריגינעלער! — האָב איך מסכּים געווען און דערציילט דעם אַדוואָקאַט וועגן מעלניקאָווס עלטער־זיידן, וואָס ער האָט אויסגעליטן און אויסגעשטאַנען.

מעלניקאָוו האָט צוגעהערט מײַן דערציילונג מיט אַ צופֿרידענער מינע, האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אַז איך האָב געענדיקט, האָט ער זיך אָפּגערופֿן צום אַדוואָקאַט:

— ווי איר זעט, איז עס בײַ אונדז בירושה אין דער משפּחה: מײַן עלטערזיידע האָט אויך געגנוג איבערגעליטן פֿון זײַן ייִדישקייט...

— נישט פֿון זײַן ייִדישקייט, נאָר פֿאַר זײַן ייִדישקייט! — האָב איך אים פֿאַרריכט...

מעלניקאָוו האָט נישט פֿאַרשטאַנען דעם אונטערשייד צווישן די צוויי ווערטער. נישט פֿאַרשטאַנען האָט זיי אויך דער ייִדנפֿרײַנד־לעכער אַדוואָקאַט...

●